# אגודת קדושת ציון
דרישת ציון על טהרת הקודש

## עת צרה היא ליעקב וממנה יוושע

**עם** בלייבט נישט קיין טרוקן אויג, פון די שווערע בשורות וואס קומען פון חוץ לארץ, אויף די פארלוסט פון די שענסטע און בעסטע, יראים ושלימים פון קהילות הקודש, און מיר זענען מתפלל אז דער באשעפער זאל אראפ נעמען דעם חרון אף, און זיך מרחם זיין אויף שארית ישראל, און אוועקנעמען יעדע מחלה.

**אבער** ווי אזוי קענען מיר שווייגן, ווען מיר זעהען אז השי"ת האלט זיין בליק אויף די אידן אין ארץ ישראל, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ארץ אשר עיני ה' בה מראשית שנה ועד אחרית שנה, און אין חוץ לארץ ווערט מקויים דער פסוק ואנכי הסתר אסתיר פני, און עס פאלן קרבנות פון די ערליכע אידן.

**און** אזוי ווי מיר האבן געהערט פון מרן ראש הישיבה הגרי"ג אדלשטיין, אז דער זכות פון ארץ ישראל איז מגין אויף די אידן וואס וואוינען דארט, און וועגן דעם איז איז דער צאל פון טויטע אזוי ווייניג.

**און וועגן דעם רופן מיר צו אונזערע ברידער אין חוץ לארץ, קומט ארויף צו ארץ ישראל, צום הייליג לאנד, צו דער לאנד וואס עיני ה' בה.**

**און** יעצט ווען מיר זעהען בחוש אז הקב"ה האלט אן אפענער אויג צו ראטעוועז זיין פאלק אין זיין הייליג לאנד, און דווקא די אידן אין חוץ לארץ געפונען זיך אין א שווערע צרה, זאגן מיר קומט קיין ארץ ישראל זיך ראטעוועז, לאזט אפ דעם טומאת ארץ העמים, און זייט מקבל קדושת ארץ ישראל, בלייבט נישט איבער צווישן די גוים.

**און** בזכות קדושת ארץ ישראל, זאלן מיר שנעל געהאלפן ווערן, און הקב"ה זאל זאגן לצרותינו די, ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, ונראהו עין בעין בשובו אל נוהו ככתוב (ישעיהו נ"ג, ח).

**אגודת קדושת ציון**
התאחדות החרדים לדרישת ציון על טהרת הקודש

**אגודת קדושת ציון** דרישת ציון על טהרת הקודש
079-5383396 077-3180775 QDUSHAT.ZION@GMAIL.COM